STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11668

LIDER KRANTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לידער קראנץ

פאפולערע
פאלקס לידער

איבערזעצט

פון

א. ל. בערקאוויץ

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL PHILADELPHIA 20

1965 פילאדעלפיא, פא.

אריינפיר

מוזיק אין אלע אירע פארמען, באזונדערס געזאנג און פאלקס געזאנג, איז איינע פון די הויפט גײסטיקע יסודות פון יעדן פאלק. אפילו די פרימיטיווסטע פעלקער דריקן אויס זייער פרייד און לייד אין דער פארם פון געזאנג, און וואס מער א פאלק שטייט העכער אויפן שטאפל פון קולטור אלץמער ענטוויקעלט איז זיין מוזיק. פעלקער וואס האבן א סך געליטן האבן שטענדיק אויסגעדריקט זייערע לײדן און בענקשאפטן פאר פרייהייט אין דער פארם פון געזאנג. די נעגער האבן אויסגעדריקט זייערע בענקשאפטן אין תפלות-געזאנגען: "ספיריטועלס"; די אוקראאינער האבן געשאפן וואונדערבארע פאלקס-לידער אין וועלכע זיי האבן אויסגעדריקט זייערע בענקשאפטן אין זיס-טרויעריקע מעלאדיען.

אונז דוכט זיך, אז עס איז ניטא נאך אן אנדער פאלק אויף דער וועלט ווי דאס אידישע פאלק ביי וועמען מוזיק זאל שפילן אזא גראנד יעזע ראליע, אזוי אז יעדער מאמענט פון אידן איז פארבונדן מיט א ספעציפישן מוזיקאלישן אויסדרוק: פרייד, חלילה טרויער — פערזענלעכער אדער נאציאנאלער, יעדער יום-טוב, יעדער געשיכטלעכער מאמענט דריקט זיך אויס אין אזא אדער אין אן אנדער מוזיקאלישער פארם.

מיר פארנעמען זיך דא ניט צו שרייבן די געשיכטע פון דער אידישער מוזיק און איר ראליע אין אידישן לעבן. אבער מיר ווילן פארט דא אנווייזן אויף די מערסטע פאזן פון אט דער דערשיינונג, ווייל זי איז אזוי מערקווירדיק, פונקט ווי אונזער גאנצע געשיכטע און רופט ארויס די באוואונדערונג פון די גרעסטע דענקער און פארשער, פונקט ווי עס איז אנדערש דאס אידישע פאלק, זיין רעליגיע און זיין אונדערשעפבארע תורה.

שוין גלייך אין אנהייב, הארט ביי דעם געבורט פון אונזער פאלק, איידער זיי האבן זיך נאך

עטאבלירט אויף אן ארט זיינען די יוצאי
מצרים ארויס מיט געזאנג און טענץ, געפירט
פון משה'ן און זיין שוועסטער מרים. אז ישיר
משה ובני ישראל..

מיר קענען זיך קוים פארשטעלן וואס
פאר אן ערלעך בילד דאס איז געווען ווען זעקס
הונדערט טויזענט מענער און פרויען האבן זיך
ארויסגעלאזט אין א מעכטיקן הילכיקן געזאנג,
וואס איז באשטאנען פון דער העכסטער פאעזיע
א פארם, וואס קיין דיכטער, זינט דאן, האט נאך
ניט באוויזן צו עמולירן און אימיטירן.

עס איז דאך קלאר, אז מוזיק האט אויך
שפעטער געשפילט א גרויסע ראליע אין אלע פאזן
פון דעם לעבן פון אידישן פאלק. וועגן דעם
קען גאר קיין ספק ניט זיין. מען דארף בלויז א
קוק טאן אין אונזער ספר הספרים: דעם תנ"ך.
די ראליע פון די פארשידענע אינסטרומענטן
וואס ווערן דארט דערמאנט, באזונדערס די ראליע
פון שופר, די חצוצרות א.ז.וו. עס איז גאר קיין
ספק ניט, אז די פאעזיע פון דבורה הנביאה
אויפן זיג פון ברק איבער סיסרא, איז באגלייט
געווארן פון מוזיק און אינסטרומענט; אין משכן
פון שילה האבן די לוים געזונגען און געשפילט.
שפעטער אין בית-המקדש אויך דאס אייגענע. עס
איז קענטיק אז ניט נאר האבן די לויים געזונגען
אין בית המקדש, נאר דאס פאלק האט אויך געזונגע
און געשפילט אויף אינסטרומענטן. אנדערש צו
וואס האבן געניצט אזוי פיל פארשידענארטיקע
אינסטרומענטן, וואס ווערן דערמאנט אין תנ"ך:
כנור, נבל, שמנית, עשור, גתית, שושנים, נחילות,
אילת השחר, עלמות, מחלת, צלצלי שמע, צלצלי תרועה.
מוזיק פארשער האבן אנגעוויזן דעם אונטערשייד
צווישן זיי און ביי וועלכע געלעגנהייטן זיי זיינען
באנוצט געווארן.

די פינף מגילות פון תנ"ך זיינען
באזארגט געווארן יעדע מיט א ספעציפישע מעלאדיע
און נוסח, לויט איר כאראקטער און אינהאלט.
זייער אונטערליגענדיקער מוזיקאלישער באזיס
איז אפשר דער זעלביקער אבער דער מאדוס און
טאן ארט ווערט געביטן. פורים איז א פריילעכער
יום טוב און א גרויסער נס איז געשען, איז
מגילת אסתר טאן פארריסן און אין מאזשאר.

איכה איז טרויעריק,ענדערט זיך דא דער טאן-ארט
און גייט איבער צו א טיפן מינאר און אזוי אויך
מיט קריאת התורה און די הפטורה.

די נוסחאות פון דאווענען זיינען א באזונ-
דערער אוצר און אונדערשעפלעכער קוואל פון פארשי-
דענע ניגונים און נוסחאות:דער וואכעדיקער דאווענען
שבתדיקער דאווענען; יומטובדיקער דאווענען און
ערשט דער דאווענען פון די ימים נוראים שטעלט
מיט זיך פאר א באזונדער קוואל פון נגינה.
היינט די שבת'דיקע זמירות; די הגדה;אקדמות;
זכור ברית;שבע ברכות;די ברכות ביי סידור קידושין
קידוש פאר יום טוב און שבת;הבדלה;סליחות;
שמחת תורה: אתה הראת און ברשות.. ביי חתן תורה
און חתן בראשית.ממש אן אונענדלעכע קייט פון
רייכע טראדיציאנעלע ניגונים,וואס גייען איבער פון
דור צו דור,שוין טויזענטער יאר.עס מעג דא
אויך צוגערעכנט ווערן דער גמרא ניגון און דער
ספעציפישער ניגון פון א מגיד.

אונזער כונה איז דא ניט צו שרייבן די געשיכטלעכע
ענטוויקלונג פון דער אידישער מוזיק דורך די דורות
ערשטענס איז דער שרייבער פון די שורות ווייט ניט
בארופן דערצו און צווייטנס וואלט עס געווען אויסער
פלאץ.אונזער כונה איז בלויז אנצודייטן די געוואלטיק
גרויסע ראליע וואס מוזיק האט געשפילט ביי אונזער
פאלק,דורך אלע דורות.

אבער ניט פון קיין קלענערער ראליע איז
געווען דער פאלקס ליד אין אלע זיינע פאזן און אלע
זיינע ענטוויקלונגען.דיביידע צוזאמען ——די מוזיק
און דאס ליד זיינען געגאנגען האנט אין האנט און
געדינט אלס איינער פון די ווירקזאמסטע דערציאונגס
פארקטארן.דאס איז א גאנץ באזונדערער,רייכער און
אינטערעסאנטער פרק,אבער מיר קענען זיך דא מער ניט
אויסברייטערן וועגן דעם ענין.

אין פארלויף פון די פארגאנגענע 50 יאר
מיט די ערשטע טריט פון נייעם ישוב אין ארץ ישראל
און מיט דער אויפלעבונג פון דער נייער מאדערנער
העברעאישער שפראך,האט דארט דאס העברעאישע ליד
געשפילט א געוואלטיקע ראליע אין די קבוצות,
ביי דער ארבעט אויפן כביש און אומעטום.
די דאזיקע לידער זיינען אויך געווארן זייער פאפו-
לער אין חוץ לארץ און עס איז געווארן נייטיק,

אז זײ זאלן איבערזעצט װערן אין אידיש. אט די ארבעט איז געטאן געװארן פון פארשידענע מענטשן, און אײניקע מיט גוטן דערפאלג. דער איבערזעצער פון די לידער, װאס װערן דא פרעזענטירט אין דער בראשור האט דורכגעפירט אט די ארבעט אין משך פון א צאל יארן אין זײן פרײער צײט. צי זײ געהערן צו דער קאטעגאריע פון דערפאלגרײכע איבערזעצונגען װערט איבערגעלאזן צו דער מבינות פון די לײענער.

די מערסטע לידער אין דער בראשור זײנען פון העברעאיש און א קלײנע צאל פון ענגליש און דײטש. די צאל לידער פון אידיש אין העברעאיש איז גאר קלײן. נאר אויף דער עצה פון א גוטן פרײנט זײנען זײ דא ארײן אין דער זאמלונג. באם איבערזעצער איז דא נאך א צאל אזעלכע לידער, אבער זײ זײנען נאך ניט גרײט צום דרוק און מער אפלײגן אט דעם ענין איז ניט געװען ראטזאם.

דאנקזאגונג

דער איבערזעצער װיל דא אויסדרוקן זײן טיפע דאנקבארקײט צו זײנע בײדע זין, ראבאי מתיהו (מארטין) און ראבאי זאב (װיליאם) בערקאװיץ פון נױיארק, פאר זײער הילף מיט ראט און טאט א דאנק װעמען די דערשײנונג פון דער זאמלונג איז ענדלעך מעגלעך געװארן.

דער איבערזעצער װיל אויך אויסדריקן א דאנק צו דעם גוט באקאנטן ארטיסט און פאלקס זינגער, גדליהו שײנפעלד, װעלכער האט אין א משך פון א צאל יארן זײ געזונגען אזוי מײסטערהאפט און האט אט די לידער פאפולער געמאכט און ער האט כשר פארדינט מײן דאנק.

די בראשור װיל איך װידמען יט גרוים ליבשאפט צו מײנע אײניקלעך: לאה זימרה (שימע); יוסף אלחנן; פרץ איתן; עדינה קרן; און לאה דפנה.

א. ל. ב.

ניט ביי טאג און ניט ביי נאכט

ח.נ.ביאליק

ניט ביי טאג און ניט ביי נאכט
שטייט א בוים דארט שטיל פארטראכט,
ניט אויף בארג און ניט אין טאל,
שטייט א בוים דארט פון א מאל.

דערציילט ער סודות אלט און גרוי,
אויך מיין סוד אים איך פארטרוי;
כ'פרעג ביי אים א פאר ווערטער,
ווער וועט זיין מיין באשערטער.

און צי וואלט ער מיך גענומען,
און ווען וועט ער שוין קומען,
וועט ער קומען מיט קארעטן
צי מיט טארבע און א שטעקן?

צי ברענגט ער שפילקעס פון
בורשטינען,
אויך דימאנטן און רובינען;
צי איז ער בוים א שיינער זכר,
אן אלמן צי א בחור?

זאג זשע בוים איז ער א שיינער,
ליבט ער מיט א הארץ א ריינער,
איז זיין קאפ באצירט מיט לאקן,
אדער איז ער גאר א זקן?

אויב א זקן וועל איך ניט וועלן,
מעג דער טאטע צום טויט מיך קוועלן,
כ'וועל וויינען, שרייען, קלאגן,
נאר קיין זקן, ניט קיין זקן.

לאך פון די חלומות
ש.טשערניכאָװסקי

לאך, א לאך פון די חלומות,
ס׳רעדט צו דיר דער טרויסער דאך;
פעסט מײן גלויבן איז אין מענטשן,
אויך אין דיר דאך גלויב איך נאך.

װײל צו פרײהײט טו איך שטרעבן
ניט פארקויפט זיך פאר קײן געלט;
פעסט מײן גלויבן איז אין מענטשן,
עס באזיגט זײן גײסט די װעלט.

צעברעכן װעט זײן גײסט די קײטן
פון הונגער און פון שקלאפערײ,
ניט פאר הונגער שטארבט דער בויער,
שטײגן װעט ער און זײן פרײ.

לאך, אז אויך אין פרײנטשאפט גלויב
איך,
אז געפינען װעל איך הארץ,
הארץ װאס האפט, הארץ װאס װײסט,
פארשטײט און פילט נאך יענעמס שמארץ.

גלויבן גלויב איך אין דער צוקונפט,
כאטש דער טאג עס איז נאך װײט;
אויף יעדענס ליפן: גליק און פרידן,
פון דער נאענט און פון װײט.

װידער װעט מײן פאלק אויפבליען,
אין מײן לאנד א נײער דור;
א באפרײטער פון די קײטן
מיט א צוקונפט ליכטיק קלאר.

לעבן, ליבן, בויען װעט א
נײער דור דערװאכט אויפסנײ
קרעפטיק, מוטיק, אין נאענטער צוקונפט,
א גײסטיק לעבן פון דאס נײ.
זינגען װעט א נײ ליד דאן,
דיכטער װעגן פראכט און
גלאנץ אים, דעם יונגן, פון מײן קבר,
פלעכטן װעט מען בלומען קראנץ.

ווען עס ווערט פינסטער
ש. טשערניכאווסקי

און ווען עס ווער טפינסטער די נאכט,
פארהילט זיך אין נעפל דער ים,
און ווינטן זיי רופן און וועקן
און צינדן אין הארצן א פלאם.

גרייט אין מיין חדר און דופטיק,
ביי פעלזן און בלומען אָן צאָל.
די בוימער זיי שעפטשען דאָרט מיסטיש,
די לבנה זי שיינט דאָרט אין טאָל.

און רואיק פינסטער די נאכט,
סע איז וואלד שוין פארחלומט אין שלאָף,
אויף לאַנקעס אויף גרינע מיין טאטע—
ער טרייבט דאָרט זיין טשערעדע שאָף.

אך, יונג ווי דער פרילינג ליבסטער,
פיל רייצענד און בליענד מיט חן,
פארלאנגען זיי גליען און טליען,
און ווייס ווי אלאבאסטער די ציין.

די אויגן זיי פינקלען און דונקלען,
אויף פליגלען צו מיר דאָ זיך טראָג.
עס נאָגן פארלאנגען און באנגען...
אָ, גיכער עס ווערט שוין באלד טאָג.

ירושלים

אביגדור המאירי

פון שפּיץ פון בארג, דעם הויכן צופים:
א גרוס דיר, ירושלים.
פון שפּיץ פון בארג, דעם הויכן צופים,
א גרוס פון דיין זון, דעם געטרייעם.
דורות לאנג, געטרוימט און געוואַרט
דיין לויטער געשטאַלט זען, האָב איך געגאַרט,
ירושלים (2) באַווייז נאָר דיין פּנים צו מיר,
ירושלים, ירושלים, באַנייט וועסטו ווערן דורך מיר.

אונבאַשיצט דו הייליקע שטאָט,
אונבאַשיצט יעדער מויער,
משיח וואַרט און ציט זיך דאָרט,
נאָר פאַרשפּאַרט איז דער טויער;
טויזענטער זין האָבן געשיקט מיך צו דיר,
עפן דעם טויער, פאַר זיי און פאַר מיר.
ירושלים, ירושלים, איך שווער דאָ, ביי גאָט און ביי דיר,
ירושלים, ירושלים, לייכט אויף נאָר דיין פּנים צו מיר.

פון שפּיץ פון בארג, דעם הויכן צופים,
א גרוס דיר, ירושלים.
טויזענטער אויגן בליקן צו דיר
און בענקען נאָך דיר נאָך, עד היום;
ברכה, פרייד, גליק און מנוחה,
זאָל הערשן, ביי דיר, הייליקע מלוכה.
ירושלים, ירושלים, איך ריר זיך ניט פון אָרט,
ירושלים, ירושלים, משיח, אָט קומט ער דאָך פאָרט.

יאַרן קומען

יעקב כהן

יאַרן קומען, יאַרן גייען,
שיינקייט קומט, פאַרוועלקט ווי גראָז;
און איך וואַרט נאָך און איך האָף,
נאָר איך ווייס ניט צוליב וואָס.

און איך שפּרייז און גיי מיין וועג,
טעגלעך זינג איך מיר מיין ליד;
אוי, וואוזשע עקט זיך וועלט?
ווען זשע ענדיק איך מיין ליד.

און דערווייל פאַרגייט דאָס לעבן
וועלט און ליד באַם אָפּגרונד ראַנד;
און אָט באַלד דער מלאך דומה
רופט שוין, קלאַפּט שוין טין דער וואַנט.

ליד פון עמק

אליעזר

ווי בלויער שטאָל ס'איז קלאָר דער הימל
גליענדיק פייער איז דאָך מיין האַרץ
ס'רעשט פון נאַכט וועל איך פאַרברענען,
אין די פלאַמען פון מיין שמאַרץ.

די האַנט ס'אַקערט, דאָס בלוט עס זידט,
רעגענבויגן ווי פייער גליט,
ליכט, ליכט, ליכט!
באַרויש אז עמק, שכור גאָר
דער גלבוע קושט זיך, האַלדזט זיך מיט תבור
די האַנט ס'אַקערט, דאָס האַרץ עס זייט
דער סערפּ עס שניידט, רעכטס און לינקס
ער גייט.

חניתה

שװארצע נאכט פארשפרײט זיך,
װײט א פײער גליט,
עס פון ערגעץ ציט זיך,
מוטיק העלדן-ליד.

אויב עס פאלן טויזענט
שטײגן טויזנט קריק,
ביז עס װעט אויפשטײגן
אונזער טאג פון גליק.

ס'גליט אין הארץ א פײער,
צינדט און רײצט מײן בלוט,
ביסט חניתה טײער,
גיסט מיר גלויבן, מוט.

הײם-לאנד מײנע
העלדן-פויגל מײנע,
װאך און היט און שיץ.

מעג דער שונא װעלן
ברעכן אונזער מוט
ס'װעט אונז ניט אפשטעלן,
קעמפן ביז'ן בלוט.

מיר װעלן דיך אויסברײטן
איבער בארג און טאל
זוניק פרײד פארשפרײטן,
װי א מאל, א מאל.

ביסט דאך אונזער פעסטונג,
הויך און שטארק װי שטאל,
חלום און די שטרעבונג
פון דורות אן א צאל.

זין און טעכטער

זין און טעכטער
איר געטרייע,
מוטיק קרעפטיק
שטענדיק אונדזער וואָרט,
און מיר אלע מוטיק פרייע
בלייבן פעסט דאָ
ניט גערירט פון אָרט.

(צוויי מאָל)

קיינע שרעק וועט אונדז דערדריקן
גרייט אויף וואך שטיין
ביינאכט און טאָג,
צער און וועה
שטום דערשטיקן,
ביז קומען וועט א יענער טאָג.

רעפריין: זין און טעכטער

א צוקונפט וועלן מיר שמידן,
מיר צוזאמען דאָ יונג און אלט,
ביז ס׳וועט דער אמת זיגן,
אונדזער אמת,
ווי זון צעשטראלט.

רעפריין: זין און טעכטער

ד. שמעונוביץ

צום שלאַכט

דערטרונקען, געזונקען אין שמוץ און אין בלוט,
געוועזן ווי די מיסט, ווי דער שטויב, און אַן מאַכט;
ביז איר, די רעשטלעך, די בעסטע, מיט מוט,
זענט אַלע אַרויס אינם שלאַכט.

פאַרגליווערט דאָס הארץ, צעשטויבט איז דער גייסט,
„נאָענטע" און „פריינט" עס האָבן געלאַכט;
נאָר איר, די גבורים, גאָר שטאָלצע און דרייסט,
זענט אַלע אַרויס אינם שלאַכט.

און ווען טרויער, ווי דערנער, געשטאָכן דאָס הארץ,
פאַרכאַפּט פון אַן אימה, שוואַרץ ווי די נאַכט;
דאָך טראָגן מיר אייער נאָמען, מיט ליבשאַפט, מיט הארץ —
ברידער און זין, וואָס זיינען אַרויס אינם שלאַכט.

און אין לויף פון די יאָרן, אין לויף פון די דורות,
וועט לעבן אייער נאָמען, וועט שמ'ען אייער מאַכט;
געדענקען, דאָס פאָלק וועט, די טריישאַפט, און גבורות,
וואָס זיינען אַרויס אינם שלאַכט.

דער פלמח

פון ארום עס ברויזט, עס שטורעמט,
מיר זיינען שטענדיק אויף דער וואך,
אונדזער קאָפּ אין הימל טורעמט,
ס׳איז תמיד, תמיד דער פלמח.

פון מטולה ביזן נגב,
פון דעם ים אויך ביזן פלאך,
יעדער בחור צו זיין וואפן,
יעדער בחור אויף דער וואך.

אדלער האָט זיין וועג אין הימל,
אויך דער אייזל צווישן בארג,
קעגן שונא דרייסט מיר שפּאנען,
צווישן פעלזן מוטיק שטארק.

תמיד זיינען מיר די ערשטע,
אין העלן טאָג און פינסטער נאכט,
מיר זיינען שטענדיק גרייט און וואך,
ס׳איז תמיד, תמיד דער פלמח.

באב אל וואד

דאָ גיי איך פאַרביי, ביי דעם שליאַך דעם ברייטן,
עס ציט זיך לאַנג דער וועג, ביי שטיינער און ביי בערג.
שטילער אָוונט קומט, קילער ווינטעל וויעט,
שטערן הייבט אָן פינקלען,
שיינט אויף פון בית-מחסיר.

באב אל וואד,

אָ, שטענדיק זאָלסטו אונדז געדענקען,
אונדזער קאַמף, אונדזער נאָמען, אונדזער מוט,
פאַרזייט איז דאָרט דער וועג
מיט יונגע טויטע קערפּערס,
ליגן דאָרט פאַרשטאַרט,
אין טיפע טייכן בלוט,
באב אל וואל, אָ שטענדיק זאָלסטו אונדז געדענקען,

באב אל וואד, א, העלדענטאט און מוט

נייער פרילינג קומט, בלומען וועלן בליען,
דופטן וועלן זיי אויף באַרג און אין טאָל.
נייער דור מאַרשירט מיט מוט פאָראויס צו טאט,
ניט פאַרגעסן וועט ער אונדז פון באב אל וואד.

באב אל וואד, אָ שטענדיק זאָלסטו אונדז געדענקען,
אונדזער קאַמף, אונדזער נאָמען, אונדזער מוט,
פאַרזייט איז דאָרט דער וועג מיט יונגע טויטע קערפּערס,
ליגן דאָרט פאַרשטאַרט אין טיפע טייכן בלוט.
באב אל וואד, אָ שטענדיק זאָלסטו אונדז געדענקען,
באב אל וואד, אָ העלדנטאט און מוט!

דער נגב

אויפֿא פעלד אין נגב
שײַנט און גלאַנצט דער טוי,
געפאלן איז א העלד דארט,
ליגט אין מארגן גרוי;
ניט ער אטעמט מער שוין
טויט פארשטומט דאס הארץ,
ס'גלעט דער ווינט די האר'אים,
שרעקלעך גרויס דער שמארץ.

דערשלאגן פון דעם טרויער,
פאריאמערט און פארקלאגט,
שטייט אן אלטע מוטער
און מיט צער זי זאגט:
דײַן טרײַע מוטער טרויערט
און זי איז פארבײַ
דײַן אידל הארץ צעריסן האט א קויל
פון בלײַ.

מײַן אײנציק בכור פארלארן,
אין דעם טיפן ים,
דיך האב איך געבוירן,
שיצער פון דײַן שטאם.
ס'וועט זײַ ניט געלינגען
ברעכן מײַן געמיט,
פאריאגן און פארטרײַבן
וועלן זײַ מיך ניט.

עליה ליד

אין פינסטערע נעכט גאר אן שטערן,
איבער גרענעץ און פעלדער און בײטן,
ציען ברידער און טוען זיך מערן,
צום הײ-לאנד מיר טוען באגלײטן.

פאר יונג און פאר אלט
די טירן צעפראלט;
פאר׳ן שװאכן און בזיער,
מיר זײנען דא שוץ-װאנט און מויער.

אויב פארשלאסן איז טויער ס׳עפענט
נים קײנער,
צעברעכט אים אויף פיצלעך צעמאלט אים
אויף שטײנער!
אפהאלטן ס׳װעט אונז נים פעסטונג, נים
מויער,
מיר װעלן ארײן דארט דורך טיר און דורך
טויער.

און איצטער קײן געװײן און קײן טרויער!
שפאר זיך אן דו סבא, עס קומט די נחמה,
אויך דער װאס פארשפארט האט דעם מויער,
װעט צאלן אין טאג פון נקמה.

שבת קודש

די זון איז פארגאנגען, דער שבת אוועק,
דער שאטן עס רוקט זיך און קריכט אויף די
ווענט,
אין שטילן געזאנג עס פארגייט זיך די
מאמע
מיט טרערן צום הימל, זי שפרייט אירע הענט,

דו גאט פון אברהם פון יצחק פון יעקב,
דער הייליקער שבת ער איז שוין אוועק;
זאל שוין מיין תפלה צום הימל דערגרייכן,
און פון אונזערע צרות טא מאך שוין
אן עק.

שיק שוין דיין ברכה פון הימל אראפ,
זע ווי מיר זיינען צו שאנד און צו שפאט;
שיק אונז פרנסה, גליק און הצלחה
קינדער בני תורה, גיב אונז, א גאט.

רעגן

איב׳ ו

רעגן, רעגן, רעגן ליב
גליק און פרייד אונדז גיכער גיב,
קאָרן, זאנגען גאָר אָן צאָל
אויף יעדן בארג, אויף יעדן טאָל.
פריי זיך ברודער, ליבער פריינט,
גרוים דיין לוין עס איז דאָך הײנט,
פיל דעם בעכער אָן מיט ווײן,
בליען טרוכן רייצנד, פיין.
ס'איז דיין צייט שוין אויך דו שניטער
פון דיין האנט דער שטארקער, געניטער,
פול דער שייער ביזן עק,
ווייץ און קאָרן אָן א ברעג.
אויך דו פאסטוך פון די שאָף,
זינג און שפיל און נאָר ניט שלאָף,
גריני פאשע אָן א צאָל
אויף יעדן בארג און יעדן טאָל.

הערצל
פ.ראסקין

א הויכער און שלאנקער װי א צעדער,
פון לבנון דעם הויכן אין רוים;
א שליח פון הימל, א פירער,
אן גלײכן, א חלום, א טרוים.

געקומען אונז װעקן, אונז פירן
א פאלק װאס צעריסן אין שטרײף;
אן עמוד אש זאל פירן,
א פאלק װאס איז נאך נית רײף.

פון טורעם א הויכן געשטיגן
אויף יהודה׳ס בארגיקן רוים;
מיט נביאישן רוף אויסגעשריגן:
מײן פאלק! ס׳איז נית קײן טרוים!

זינט דאן פון אלע פיר עקן,
צו ציון דעם הײליקן ארט;
זײ שטראמען, זײ בויען און װעקן,
זײ אלע ציען זיך דארט.

א, הערצל, דו האסט אונז פארבונדן
מיט לאפּפון חלום און זעל;
דאס ליכט װאס דו האסט אנגעצונדן,
שײנט אונזי ליכטיק און העל.

געליטן א, לאנגע יארן
פון גלות לאנגער נאכט;
ביז׳ן טאג פון דײן געבארן,
א מתנה פון הימל געבראכט.

צום יום העשור
ש. שלום

װען דו צינדסט די ליכט, די ליכט אט
די צען
צום טאג פון עשור פון מדינת ישראל
מיט פורכט און קדושה, מיט רײנקײט געװען
מיט גלויבן מיט פעסטן, אז ס׳קומט שוין
דער גואל.

װי מוטער אין אנקום פון שבת באשטראלט
הײב אויף דײנע הענט צו אלע פיר װעגן;
קומט אלע אהער, יונג און אלט
פון נאענט און פון װײט, פון אלע זײטן
און שטעגן.

און האסטו געװענדיק אנצינדן די ליכט
מאך הויך אויפן קול די געטלעכע בּרכה,
גליק עס זאל הערשן אויף יעדן געזיכט
א ליד און א לויב, א געזאנג און א שמחה.

װעגן די נסים און װאונדער, װעגן גבורות
און פרײהײט,
װאס מיר האבן דערלעבט דורך בלוט און
דורך טרערן
אנסט און מסירת נפש, העלדישע טרײהײט
פון זין און טעכטער, אין קאמף דעם שװערן.

צעפליקטע הערצע פארשרפ׳עט אין פלאמען,
נשמות באזעלטע דורך קװאלן פון ישועה
אקסל צו אקסל װעלן מיר שטײן דא צוזאמען,
און שװערן מיט אײביקער קללה און שבועה.

מער װעלן אידן ניט ברענען אין פײער,
ניט הפקר איז מער ס׳בית ישראל;
אידישע לעבענס זײנען הײליק און טײער,
ס׳רוט ניט, עס שלאפט ניט דער שומר ישראל.

די טריט פון גאולה
שי שלום

פון מדבר פון וויסט,
פון זומפ און די פולע;
עס הילכן די טריט——
די טריט פון גאולה.

און ווער קען זיך גלייכן
אין גאט'ס וועלט די פולע,
צו אן אומה דערוואכט,
צו טריט פון גאולה.

וואו איז ליד, וואו איז טרער
דאס גליק און סגולה,
זאל אויסדריקן באדייט
פון טריט פון גאולה.

שטעלט אפ דעם טומל,
דאס זשומען דאס שטילע,
ס'זאל קענען דערהערן
די טריט פון גאולה.

די ירדן מײדל

ד. שמעוני

מײן חלום נאך ניט פארגאנגען..
מיר זײנען אין דעם צריף...
זינגט א פויגל שטיל,
פון דער װײט, ציף ציף

רוישן כװאליעס פיל,
ירדן פריש, גאלאנט,
זי שעפטשעט, פליסטערט שטיל:
פארפלאמט איז הימל ראנד.

כ'קוש זי און איך זאג:
דאס בלוט עס גליט און פלאמט,
עס שלאפט נאך אלץ דער טאג,
פרימארגן ער פארזאמט.

א װינטל טוט א שטיף
און מײן פנים רירט;
ס'טרײסלען װענט פון צריף,
טײטל-בלעטער, מירט.

זי ציטערט ,שעפטשעט שטיל,
ס'בלײכן די הימלען אזי!
כ'קוש איר און איך זאג:
ס'איז נאר דער שײן פון טוי.

א בלאז טאן װעט דער װינט,
טריפן בשמים גאר;
פון פארהאנג פון דעם צריף,
פון אירע שװארצע האר.

אלץ פארשװאונדן, ירדן
ניט פון ארט זיך רירט,
ס'זינגט ניט פויגל מער
ס'רוישט ניט מער דער מירט.

פאסן ליכט מיט װילד געלעכטער
אין די שפאלטן פליסן, שטראמען
אויף אונזער בעט—די ירדן לאנקעס,
צעשפרײטן זיך און האסטיק שטראמען.

אויף די װענט טײטלען בלעטער,
גליט א פרײלעך פורפור קראנץ;
פון איר פנים גלײך אויף מיר,
א װארעם שײן שפרינגט און טאנצט.

אונזער סוכה אנדעקט אנטפלעקט
א נעסט פון ליבע פאר אונז בײדן;
קרפט עס שטורעמט אויף צײן הארץ,
כ'זאג: מיר מוזן זיך צעשײדן.

און מײן תירוץ: אונזער פלאן
ס'האט אנטדעקט אט איצט באגינען;
און זי קושט און זי לאכט:
מיר װעלן אן אנדער פלאץ געפינען.

לאך איך, נאר מײן הארץ
רײסט זיך און װיל ארױס גאר שפרינגען;
מײן פערד איז גרײט, לאמיר פליען
און כ'װעל די ערד פארשלינגען.

און זי לאכט: דײן פערד איז אלט,
זאל ער רואיק שלאפן דארטן;
צוליב דיר פארלאזט האב איך
מײן מאמען און מײן בלומען גארטן.

גוט —— און מײן געװער?
זעסט דאך װי עס גלאנצט,
צום געיעג, זע, מײן הארץ
װי עס רײסט זיך, װי עס טאנצט.

און זי שפאט: אך, דײן געװער
פארזשאװערט, טעמפ נאך פון אמאל;
כ'װעל עס פוצן און ביזן אװנט
װעט עס בליאסקען פונקט װי שטאל.

כ'װעל איר זאגן: כ'בין דאך קראנק,
רופאים האבן מיר פארזאגט: ——
אין דעם ירדן און כנרת
גײ און באד זיך יעדן טאג.

דער ים רוקט זיך דאך ניט אפ,
אנטלויפן ירדן איז ניט געלונגען:
און זי קושט און ענטפערט אפ,
און קושן איר בין איך געצוואונגען.

און אירע רייד ווי טוי עס טריפט,
שיין און פראכטפול אונזער צעלט;
ירדן, לאנקעס און כנרת,
ביימער, בלומען אונזער וועלט.

שאטנס היטן אונזער שוועל,
שטראלן ווי מלאכים פיל,
אונזער בעט — לאנקעס גרין,
זאפטיק, פריש און רואיק שטיל.

איך גיב זיך אונטער און איך זאג:
עס איז דיין זיג גרויס גענוג;
יהודה טעכטער געלערנט וואויל,
נאר גליל מיידלעך זיינען קלוג.

דער פרימארגן איז שוין וואך,
יעדער ציט זיך צו זיין וועלט;
נאר ווען געליבטע איז מיט מיר,
ווי פארלאזט מען דאס געצעלט?

און דער ירדן פריילעך רוישט,
כוואליעט, און כנרת וועקט,
און א גאנצער שרצים־כאר
אין די גראזן זעגט און זעגט.

ירדן פייגל מיט געזאנג
תבור פייגל און יזרעאל;
א ליד פון ארבעט און פון גליק
זינגען, קלינגען פריילעך העל.

פון איר ריח שיכור כ׳בין,
פון אירע האר, פון אירע בריסט;
איך בין שיכור און איך דורשט
איר מארך און ליב איך גאר און גלוסט.

װאס טויג מיר איצט דאס גליק פון זיג
פרײד פון ארבעט און געבוי?
אונזער חופה—ירדן בלומען,
אין די בלומען טראפנס טוי.

די מוראשקע זוכט איר ברויט,
ליב פארצוקן װיל דאך גלײך;
אונזער באלקן—טײטל בלעטער,
אונזער בעט —בײ דעם טײך.

נאר ניט געיאמערט

ד. שמעוני

נאר ניט געיאמערט, נאר ניט געקלאגט
אין אזא טאג — ניט נידער דעם קאָפּ;
ארבעט, ארבעט! אקערט, אקער
זייער זיי, אין מינוט פון חיי
טאפלט די מי, טאפלט שאף;
פלאנץ און גראָב, שטעל אויף א צאם,
פרייען חעג טרעט אוים פאר שטאם —
פאר ליכטיק טאג.

אויפן חעג פון פיין, אויך דערלייזונג
און שיין.
עס שרייט דאס בלוט, ס'חעקט און צינדט!
פאלק דערחאך צו גאָולה געשחינדט.

סוף פרילינג

ג.א. יהודה

די קערענדלעך זאמד
צחישן מײנע פינגער צעריבן
חי די פרילינג טעג,
די לעצטע
חי דאס יונגנט.
און חאס בלײבט מיר אין האנט?
בלויז חײניק גלאטע שטײנדלעך,
געגלעט פון די כחאליעס
געשלײפט פון די כחאליעס
און עטלעכע מושלס קלײנע.

און פילײכט...
און אט חעט באלד קומען דער צופלוס
און מיט זאלץ און שוים פארפלײצן דעם
ברעג

דאס זאמד
אלץ און באנאנד.

אפלום חעט קומען דערנאך
מסתם
און חעט פארשחענקען דאס זאמד,
חאס פאלט פון מײן האנט,
צום גרויסן ים,
און אוים.

אין גארטן

משה בן מנחם

ציפּרעס בײמער, הײכע, שלאנקע
קרױנקעפּ ציען צו הױכן בלאנקע;
באם װעג זײ שטײען פעסט גאלאנטע.

אױף דער װאך קעגן הימל-טויער,
שטיל זײ שטײען אין װײטקײטן לױערן;
זוכן, פארשן, הימל-סודות בויערן.

דרימלט גארטן אין הימל צעפּראלטן;
שעפּטשען שומרים: מיר'ן הימלען שפּאלטן
אין די קלארע, אין די בלויע זיך פארבאלטן.

פאלט אן עפּעל צו דער ערד,
צײטיק, זאפּטיק, באלד צעטרערט;
רײסט זיך אפּ און װערט צעשטערט.

ס'קען דער בוים אים מער ניט אויסהאלטן,
צעקלאפּט זײן פּנים און צעשפּאלטן;
ר'קען ניט רוען אויף געלעגער קאלטן.

אײנזאם ליגט ער שטיל פארחיסט
אין ערד זײן טרויער ער פארשל'סט
שטום ער שרײט צום הימל: ס'פארדריסט!

עפּענט ערד איר מויל, פארצערט,
פארשלינט איר פּרוכט, אזוי אײליק װערט:
ערד געבערט, ערד צעשטערט.

צו די שטערן פון די ברינימער

מאיר בוסאק

װײל איז די װאנדערער אױף די װעגן
גלײך צום שטראליקן װאלקן,
װאױל איז די װאס גרײכן צום בארג-שפיץ
צום דורכזיכטיקן בלױ.
יעדער בארג-שפיץ איז א מזבח
פאר פראמעטעאוס געשמידט קעגן אין סוף.
װי װעט פון זײנע אײנװײניקסטע קײטן
זיך באפרײען דערמענטש?
טיף אין די הימלישע װאלקנס
צעשפילט זיך דאס ליכט און די אײביקײטן;
צװישן די הױכע בערג אױף די װעגן.
אױף אײזל שלײכט זיך אם אָרימאן.

פארשניטענער װאלד אין שטילקײט
פון קלארע דורכזיכטיקע סטעפּן.
פילײכט פון די װארצלען..פילײכט.
נאר איך װײס:
צװישן די נאדל בײמער װאקסט דער טױט,
און די זאמען פארשפרײט אױף שװארצער׳ערד
——————א געהרגעטער.
און דער פיניק צי זינגט ער
צום מארגן שטערן א ליד?
צי פילט ער ניט דעם נעכטן
װאס אין אש?

אײנזאם ברענט אין מדבר דער סנה,
נאר אײנמאל צעדאמפט װערט דארט
דאס אײנציקע טראפּן.
שטערן קעגן שטערן
געדיכטע פינסטערניש פון אין סוף
פארגײט.

אױפן בלױ און האניק צעזינגט זיך
די בין אין איר געפלי
צי װײס זי, אז זי באפרוכפערט די בלומען?
„אט די װעגן האב איך אלײן אױסגעקליבן"
צעזינגט זיך יעדער טראפן אין די טײכן,
װאס שטראמען און גײען צום תהום.

צי װײס די שפין אין איר שטומקײט
װעגן דבקות פון זװג אומקום,
װעגן אײביקן געלאף צום אין־סוף?
לאמטערן װעלן מיר אנצינדן און אויפהײבן
שטורקאצן אין שטורעם——
פון דער זײט פון פינסטערע סטעפעס,
װאוהין פירט דער טויער?

אזוי פלאטערט אין שפינװעב ס׳װערימל
און װי װעט מתפלל זײן דער מענטש?
און װי קען עס דאס הארץ גאר פארשטײן:
דא איז עפעס א טעות אין חשבון,
און דער װעג פון מענטש צו גאט צעשטערט,
װערט פארשװאונדן אין חלל——
װײל װי קען דער באשאפער פון שפיל,
פון דער שפין מיט׳ן פליג,
פון דער קאץ מיט׳ן מויז
באשטראפן פאר פארגאסענעם בלוט?
עס בײלט זיך אין חלל יעדער פויסט
צעגײט זיך אין אין סוף.

אויך אפילו דאס איבערגעריסענע שטריק,
דאס צעבראכענע קרוג באם ברונעם,
געהאט האט א נעכטן און גאלדיק פרימארגן.
און איצט ארום חרובן ברונעם——
פארברענט פון דורשט אין הימל־פלעט,
װי א װינט װי א װאלקן
װאנדער איך אום אומזיסט
אלע מײנע טעג צו דער שטילקײט
צום אפקלאנג פון מײנע טריט פארנעם איך.
ארום ברונען טו איך זיך שלײען
שטײנער פון ברונעם־מויל אראפקײקלען,
קעבן שוידערלעכער טיפקײט פון טאלן
בלויז מײן אויער טו איך נויגן און שװײג:
פילײכט פון טיפקײט פון קװאלן
זינגען נאך אלץ די שטערן.

מײן פארלאנג

ר. אבינועם

כ'הא געגלוסט אין האריזאנט אױפפראלן
א פורטקע
די װאלקן-שפיצן בלױז פארהײבן,
אין מײן אונשולד בלױז א בליק'טאן
פון יענער זײט שטערן
און מײן הארץ איז רײן, ניט פאלש
און דערהײבן:
ניט צו אנטפלעקן גאט'ס װאונדער
זײן ארט אין די הױכן.
נאר אײנס פארלאנג איך: איבער דער
ערד עטװאס דערגרײכן.

איך װאג זיך דערהײבן מיט פלאטער
אין הארצן
טאמער טרעפט מיך דער צארן פון די שרפים
אין זײער חשד, אז כ'בין אראפ פון גלײכן
װעג
און געגנבעט פון דעם אוצר פון די אראלים
א קלײן שטערן, בלױז אײנס פון טױזענט,
זײן שטראל אין מײן נשמה
פארזײען,
נאר א טעות: װײל כ'שטײג—איבערפילט מיט
גלאריע פון גאט.

אויף די עלטערע יאָרן

אפרים ליסיצקי

אט זע איך מײן פרוי, מײן לעבענס באגלײטער,
זי היט מײנע טריט, זי היט מײנע שטעגן;
עס שײנט דאך איר פּנים, ס'זעליגט פון גליק,
ס'קען אבער מײן הארץ ניט אנרעגן.

אט זע איך די קינדער, כ'האב זײ דערצויגן;
כ'האב זײ געפלעגט, געצערטעלט, געליבט;
עס לאשטשען די אויגן, מיט ברכה די רײד,
מײן הארץאבער בלײבט ניט דערפרײט.

שטראמען פון פרײנטשאפט, יוגנט פארלאנגען,
און אויפהער זײ פליסן, זײ נאגן און שיעור
קרישטאלענע, רײנע, געלײטערט פון געזאנגען,
דערקװיקן ניט די נשמה אין מיר.

סודות'דיק זילבערט, װינקט דארט דער בארג-
שפּיץ;
ס'װינקען די הויכן אין בלויען געהילט;
האריזאנטן —— פול װאלקנס בריליאנטן, זײ
שעפּטשען,
מײן זעל אבער בלײבט נאר פארשטילט.

הימלען צעשטראלטע, הימלען פארװאלקנט
בלײב איך גלײכגילטיק, װער װיל זײ דען זען?
ס'גײט אויף די זון און אט זי פארגײט,
נאר ס'לאזט מיך אן טרויער, אן פרײד.

װיל איך ניט זינגען אין אנבליק פון פרילינג
װען עס שפּראצט יעדער בײם, װען עס װאקסט
יעדעס בליט;
װען עס צעגרינט זיך דער בוזים, װען עס
צעעפנט די אויגן,
די ראזע מיט איר פראכטפולן ליד.

כ'װעל שוין ניט קלאגן װי הארבסט עס פארדארבט
די שײנקײט פון פרילינג, זײן ליכטיקע פראכט;
ס'װײנט ניט, ס'בענקט ניט מײן הארץ מער נאך
פויגל
װאס װאנדערן און זוכן זײער גליק.

קינדער געלעכטער, קינדער געוויין,
געבעט פון אָרימאַן און אויסגעשטרעקט האַנט,
רירט נאָך צומאָל פאַרשאַפט נאָך ווען שמאַרץ,
נאָר ניטאָ מער שוין דערביי דאָס האַרץ.

אַמ שטיי איך באַם גוסס צוקאָפּנס און זע,
פאַרנעם נאָך זיין וויטיק, זיין פּיין;
פאַרלאָרן אַ מענטש, אַ לעבן פאַרשפּילט,
נאָר איך שוידער ניט אויף פון דעם בילד.

אַמ שטיי איך פאַרגליווערט באַם אָפענעם קבר,
און אַלמן, אַ יתום פאַרוויטיקט און לער;
געשרייען, געוויינען, זיי שפּאַלטן די הימלען,
עס לאָזט ניט מיין אויג קיין שום טרער.

פאַרוואָגלט מיין שלאָף, כ׳דריי זיך אין אַנגסט,
און בליק מיר אין פינסטערן חלל צעפּראַלט,
און ס׳בלייבט ניט צעדראָזשעט מיין לייב,
איך בלייב מיר גלייכגילטיק און קאַלט.

כ׳האָף ניט און וואַרט שוין ניט אויף קיין
טרייסט,
כ׳וויל ניט און גלוסט ניט — וואָס קען דען
נאָר האָפן
אַ מענטש וואָס געבליבן איז עלענד אַליין,
און זיין האַרץ איז פאַרגליווערט ווי שטיין?

נאָר איין זאַך, אַ גאָט, נאָר איין זאַך פאַרלאַנג
איך,
דיין טויער, אַ גאָט ביי אים זאָל איך קניען;
מיין האַנט וועט אַנקלאַפּן מיט פלאַטער און
ציטער,
עפן דיין טויער, דו היטער!

נאָר איין זאַך, אַ גאָט, נאָר איין זאַך פאַרלאַנג
איך,
עפן דיין טויער און גיב דיין באַשייד;
אַ, לאָז מיך דאָרט קניען, איינוויקלען מיין פּנים,
אין ברעגן פון דיין געטלעכן קלייד.

צום שלאכט

ד.שטעזני

דערטרונקען, געזונקען אין שמוץ און אין בלוט,
געוועזן ווי די מיסט, ווי דער שטויב, און אן מאכט;
ביז איר די רעשטלעך, די בעסטע, מיט מוט,
זענט אלע ארויס אין שלאכט.

פארגליווערט דאס הארץ, צעשטויבט איז דער גייסט,
"נאענטע און "פריינט" עס האבן געלאכט;
נאר איר "די גיבורים, נאר שטאלצע און דרייסט
זענט אלע ארויס אינם שלאכט.

און ווען טרויער ווי דערנער געשטאכן דאס הארץ,
פארכאפט פון אן אימה שוואַרץ ווי די נאכט;
דאך טראגן מיר אייערנאמען, מיט ליבשאפט, מיט הארץ,
ברידער און זין, וואס זיינען ארויס אינעם שלאכט.

און אין לויף פון די יארן, אין לויף פון די דורות,
וועט לעבן אייערנאמען, וועט שמ'ען אייער מאכט,
געדענקען דאס פאלק וועט די טרייעשאפט, און גבורות,
וואס זיינען ארויס אינעם שלאכט.

מלחמה לידער
אלבערט ברעכט (דײטש)

אויפן מויער, אויפן װאנט,
מיט קרײד געשריבן האט א׳ האנט:
קריג האט איר אלײן געװאלט!
ניט אונז פרײהײט, ניט אונז נויט.
יענער װאס געשריבן האט
לאנג געפאלן איז שוין טויט,

דאס איז ניט דער ערשטער קריג,
קריג װאס קומט ער איז ניט נײ;
װען דער ריג װעט זײן פאראיבער,
ברענגט ער זיגער און באזיגטע,
קײנער איז ניט פרײ!
פאלק—עס הונגערט סײ װי סײ.

די װאס כאפן צו דאס פלײש
לערנען אונז גאר זײן צופרידן;
כאפן צו פון מויל דאס ביסן,
לאזם קײנעם ניט געניסן,
זײ די פײנע זאטע לײט,
לערנען אפפערװיליקײט.

און די רײכע זאטע לײט
רעדן פון א בעסער צײט
צו די װאס לײדן הונגער, קעלט,
פון א שענער בעסער װעלט.
די װאס צום אפגרונט טוען פירן
מײנען: פאלק קען ניט רעגירן.

ארבעטער נאך ברויט טוט לויפן,
מוחר סחורה צו פארקויפן.
ס׳הונגערט ארבעטסלאזער פיל,
ארבעטער איז אויך פארראטן;
הענט באװעגן זיך שוין פיל,
אלע דרײען דארט גראנאטן.

גענעראל!
ס׳איז דײן טאנק װי שטארקער שטאל
מענטש און װאלד צעמאלט גאר אן צאל,
נאר זע נאר, זע נאר, גרויסער העלד,
נאר אײן זאך בײ אים עס פעלט:

ניט קיין איזן, נאר געהירן
עס זאל אים איינער וועלן פירן,,,,,,,

גענעראל!
דיינע עראפלאנען זיינען
שנעלער פון דעם גרעסטן שטורעם,
אבער זע נאר, זע נאר, גרויסער העלד,
נאר איין זאך בײ אים׳עס פעלט:
דער וואס גרייט איז מארדן ברודער,
זאל וועלן זיצן בײ דעם רודער.

גענעראל!
אך, דער מענטש ער איז דאך נייטיק
ער׳איז פײיק, קלוג און טעטיק,
אבער זע נאר, זע נאר, גרויסער׳העלד,
נאר איין זאך בײ אים׳עס פעלט:
ער קען טויטן, און פארראכטן
דאך געדענקן ער קען אויך טראכטן....

ווען דער פײקלער רופט צום קריג,
אײכעט אײער קריג פאנגט אן,
פילע שונאים ער דערבליקט
פון אלע זייטן, רעכטס און לינקס,
הינטן, פארנט און ארום
לויטער שונאים אומעטום.

די וואס טוען דארט מארשירן,
געטריבן פון זיינע שטארקע לײט,
קענען אים דערוואכט צום שטרייטן
קיינעם זאל עס ניט שאקירן!
אלעם וואס ער שאפט, צעשטערן,
אויסגעווארצלט מוז׳דאס ווערן !

בראוו איז דער וואס רעוואלטירט,
זיינע פלענער שטערן וועט,
טאפפער, מוטיק, דער וואס זעט
ווי ער׳איז אפגרונט אונז פארפירט.
דער וואס קעמפט מיט גרויס פארשטאנד,
העלפן וועט דאס פאטערלאנד.

אין וואלד פון חדרה

ד.שמעוני (פראגמענט)

געקײקלט עס האבן זיך גאלדענע רינגען פון
צווײגן און בײמער,
געטאנצט איבער'ן גראזיקן שטח, געצונדן
די פליגל פון פײגל
אפגעשלאגן זיך שטיל אן די העק,פארשטעקטע
אין פיעניעס פון בײמער
און אויפגעבליצט האט דאן די האק.און עס
טרעפט,אז עס טראגט זיך
דער ווינט
פון יענער זײט ים,און נײע פארבארגענע
סודות אנטפלעקט.
און די גאלדענע שטראלן דערשראקענע באהאלטן
זיך אין שפאלטן און לעבער
און פארטונקלט איז געווארן די בלאנדענדע
זעג בײ ר' פינחס'ס פיס.
און עס אײלן די בלעטער און ברומען שארפע
פארשײכרענדע ריחות
פון ווײטע און ברײטע פרדסים,טראגן זיך אויף
פליגל פון ווינד
דערטראגט זיך צו די נאזלעכער פון נפתלי.
ער טעמט און גיט זיך א
זיפץ:
האלוואי וואלט איך אין פרדס געווען,ווי וואלט
איך מיט זאפטיקע עפעל
געשטילט דארט,געזטיקט מײן דורשט און ווער
וואלט צו מיר געווען גלײך?
צעלאכט זיך ר'פינחס און ווישט זיך דעם
שטערן דעם הויכן
פארשוויצטן
און טונקט זיך זײן ברויט אין דעם מילך
און קײט עס פאוואליע,
פאוואליע,
צערעדט זײך גאר פלוצלונג און זאגט:
נפתלי,צו וואס זינדיקן מיט
די רייד?
זע נאר דאס גוטס און דעם חסד,וואס דער בורא
האט אונז דא באגליקט:
וואלט ער ארבעט געגעבן נאר אין פעלד און
ניט אין דעם שאטענדיקן וואלד:דײנו

חאלט ער ארבעט געגעבן אין וואלד און ניט
געשײקט אונז דעם חינט—
דײנו

הײנט אז דער חאלד אין חדרה מיט זײן שאטן
דעם קילן האט אונז אלעמען באגליקט
און א דערקוויקענדיק ווינטל געשיקט, דארפן
מיר דאך אחדאי און אחדאי
דאנקען און לויבן און רימען....און ניט
פארענדיקט האט ר׳פינחס די רײד,
ווײל דער לץ פון דער חברה נפתלי, מיט די
שחארצע צעשויבערטע קודלעס
מיט פעסטע און ברײטע אקסלען, גוטמוטיקע
לאכנדיקע אויגן
איז אים ארײן אין מיטן די רײד, און געזאגט
חאט נפתלי אזוי:
חאלט ער אויך אונז דא באגליקט מיט א קאלטער
גלאז מילך...דײנו .
(א רמז געחענדט צו ר׳פינחס) חאלטן מיר
כאטש חאסער געהאט
חאלט מען געמעגט זײן צופרידן, ר׳פינחס!
און אז קײן טראפן מילך איז ניטא
און חאסער צו שטילן דעם דורשט איז אויכעט
ניטא נאר א לעק
איז דאך בערל דער קורצער אחדאי און אחדאי
חערט פײערדיקע שמיץ!
שוין קרוב א שעה חי אחעק איז ער זוכן
א קילן טרונק חאסער
און פארשחואנדן איז ער און זײן אײזל
ס׳כאליבטע און אונצעשײדבארע פאר"
ס׳האט אויסגעפלאצט אין א געלעכטער די חברה
חאס איז געזעסן ארום און ארום
און פרישטיק געגעסן, חער גרינע געשמאקע
אליחן
און חער אײער געקאכטע מיט קעז, טאמאטן
געטונקטע אין זאלץ.
עס האט אויכעט ר׳פינחס געלאכט און זײן
חײסלעכע גרױלעכע בארד
אויפגעזילבערט, צעפלאמט פון חינט די אויגן
געלויכטן פון פרײד.
געלאכט האבן אלע דערפאר חײל עס איז דאך
געחען נאר באחאוסט

אז געליבט האט דאך בערל זײַן אײזל, געהיט
אים װי דאס אויג אין קאפ,
געמיט זיך פאר אים און געהיט און טאקע
דערפאר האבן חברה
געלאכט און געשפאסט װאס ס'איז בערל אין זײַן
אײזל פארקאכט און פארליבט.
און דא האט דערדאנער װאס פון די ברעגן פון
דאן איז געקומען אין לאנד
זיך נעגעבן א שטעל א בחור װי א דעמב, און
האט זיך גערעכענט
צװישן די"קעמפער" פאר באפרײַאונג און גאולה
פון דעם קאזאקן פאלק.
און דערװארעמט האט זיך פלוצלונג זײַן הארץ
צו זײַן אײגענעם לאנד גאר פארבענקט
און עס האט נאך געלעבט אין זײַן הארץ די
תאװה צו דרשות און רעדעס,
און קוים האט ער א דיסקוסיע דערשמעקט, איז
װי א פערד װאס דערשמעקט
א מלחמה
האט זיך גענומען צו בערלען און געזאגט:
דעם נאמען בערל און זײַן אײזל
ניט ברענג אויף די ליפן, נפתלי, װײַל ס'איז
העכער פון דײַן קלײנעם פארשטאנד
דאס איז א ליבע—א שטומער פארלאנג א הײליקער
און טיפער
צו בענקשאפטן אומצײליקע, דערשטײקטע פון
תקופות און יארן און יארן.
בענקשאפטן מעכטיקע, פארבארגענע, װאס זײַנען
העכער פון אונזער פארשטאנד.
און בערעלע דער דארער, דער בלאסער, האט א הארץ
װאו עס פלאמט א פײַער
א פײַערדיקע ליבע צום באשאף, צו די װאונדער
פון דער װעלט ארום
און די ליבע האט זיך צעגאסן, צעפלאמט װי ברײטע
טײַכן אין פרילינג
און זיך צעגאסן איבער דעם גאנצן ארום און
אויך אויף אײזלען װי דו.
אזוי האט דער דאנער געזאגט און מקבל געװען
האט נפתלי די רײד
װי אײנער װאס איז מקבל באהבה זײַן פארדינטן
עונש,
און געענטפערט דעם דאנער און געזאגט:

אז גוט איז דיר און וואויל איז דיר ,חבר,
וואס דיר איז געלונגען דערגרייכן די טיפקייט
פון סודות און נשמה.
איך מעג אבער שווערן דו דאנער אז דאס אמתע
פאר מיט בעלעלע דעם
קודצנס אייל
ביסטו,און גרייט בין איך דיין אונטערפירער
זיין....
געקייכט פון געלעכטער האבן חברה,געלאכט האבן
זיי הויך אויפן קול
א פריילעכע פייגל האט געליארעמט,זיך געהייבן
אלץ העכער און העכער
און גאלדענע רינגען זיינען געפאלן צווישן די
צווייגן און ביימער.
און שטיל איז דער וואלד... פון יענער זייט
זומפ אט דעם וויטן,דערטראגט זיך
א טרויעריקע,אומעטיקע מעלאדיע:"אין וואלד
אין ערב איר נעכטיקט"
ניט מער ווי די דאזיקע ווערטער פון יענער
זייט זומפ עס קומען,
און דאס איז די גאנצע מעלאדיע און חזרט זיך
איבער און איבער.
עס ברענגען די ווערטער א האפענונג א נייע,
א ווייטאג א נייעם
דעם טרויער פון וואנדער און צאפלענדיקער
האפנונג מיט זיך טוט זי
ברענגען...
און אראפגעלאזט האט ר'פינחס זיין קאפ
זיך צוגעהערט מיט אלע זיינע
חושים.
זיך צוגעהערט עס האט אויכעט נפתלי,דאס זינגט
אין דעם זומפ דארט,בן-ארצי...
אנטשוויגן איז געווארן די חברה,ווי וואונדערבאר
און ווי מאדנע איז דער מענטש,
יעדן פרימארגן,פארטאג נאך,טו ער צום זומפ
דארט זיך לאזן..
וואו עס נעסטעט א טויט גאר א געלער.יעדן
פרימארגן באגינען
ער פלאנצט שוין אין זומפן די ביימער,דעם
טויט צו פארטרייבן פון דארטן
און איר פארוואנדלען אין אייביקן לעבן...
די האלצהעקער זיינען אויפגעשטאנען
פון דער ערד

זיך א נעם געטאן צו זײערע כלים:די העק
די שטריק און זעג
און געװארן איז אנגעפילט דער װאלד מיט
געזאנג פון ארבעט און קראפט
באלקנס עס האבן זיך געפינקלט;געבליאסקעט
עס האבן די העק
די זעג מיט פרײד געקריצט,און פלוצלונג
א קלאנג פון קאפיטעס:
בערעלע קורצער שפרינגט און זײן אײזל
טאנצט אים פאר[illegible]זוים
און דאס בלעך מיט װאסער קלאפט....

נעאפאליטאניש פאלקס ליד
(פון קארוזא'ס רעפערטואר)

א װאונדער פרימארגן באװײזט זיך
אין פראכט און אין ליכט אן צאל,
די זון שײנט און װארעמט גאר ל׳בלעד,
און קושט דארט די בלומען אין טאל.

אלץ לעכצט שוין און ציט זיך צום לעבן,
די רויזן דערװאכט פון דער נאכט
נאר דו גאר, מײן ליכט און מײן שטרעבן,
פאר דיר איז נאך פינסטערע נאכט.

דערװאך שוין מײן מלאך, מײן היטער
און קום שוין מיט זון שײן מיט פראכט,
אן דיר איז דאס לעבן מיר ביטער,
אך ביטער און שװארץ װי די נאכט.

דערװאך שוין מײן מלאך, מײן היטער,
די שטאנס די שװארצע פאריאג
אן דיר איז דאס לעבן מיר ב׳טער,
מיט דיר איז דאך ליכטיקער טאג.

נעאפאליטאניש ליד

(פון קארוזא'ס רעפערטואר) איבערזעצ.ענג.

מוטער מײַן

װען די נאכט פארגײט אין חלום
און די מידע אויגן גליען,
טוט מײַן הארץ פון בענקשאפט ציען,
צו דיר מײַן דופטענד רײַצנד בלום.

ס'קומט דער טאג אין ליכט געבוירן,
ניט פאר מיר איז ליכט און פראכט;
אין מײַן הארצן הערשט די נאכט,
און איך בלײַב דאך עלענד,שטום.

א ניט צעשטער מײַן גליק !
זע, גיב עס מיר צוריק;
מײַן מוטער פרעגט מיר װאס קען דאס זײַן,
װאס װי א ליכט איך גײ אויס פון פײַן.
א ניט צעשטער מײַן גליק!
שנעל גיב עס מיר צוריק;
מוטער מײַן איז שטארק באטריבט
פון דעם װאס זי האט הארציק ליב,
קושן איר האב איך קײַן מוט.

און מײַן מוטער אלט און שװאך,
מיט אירע אויגן צערטלעך גלעט,
דרינגט דורך מײַן הארץ מיט איר געבעט,
אזוי װי דו מײַן סוד זי פארשט.

אירע בליקן װילן דערגײַן
מײַנע זארגן צו פארשטײן,
און זי קען דאס ניט דערגײַן
מײַנע לײַדן דורשט און גלוט.

א ניט צעשטער מײַן גליק,
שנעל גיב עס מיר צוריק!
מײַן מוטער פרעגט מיך װאס קען דאס זײַן,
װאס װי א ליכט איך גײ אויס פון פײַן.

א ניט צעשטער מײַן גליק,
שנעל גיב עס מיר צוריק;

טײער מוטער דיך באטראכט
װי א מלאך פול מיט פראכט.
אָ,עס בלאצט איר הארץ פון זארגן,
אָ,מוטער מײן, דו ביסט געשטארבן'

שם מקום ארזים

ה. ליוויק

שם מקום ארזים
משמה עד הלם,
תיבב הגאולה
כבר הגיעה עד תם.

עלי סלעים צחורים
רותחים זרמי דם;
רחי דם גננו,
דם עמנו התם.

מלונדון עיר הבירה
דרוך ידרוך פיטום:
ובמוחו פרם
חדר גבור יתוש.

מי לו, מה לו עמק?
מה לו עיר הקודש?
תך ומרמה, גזרה,
מדי חודש וחודש.

על גבי עמים רמסים
דרכים בני אקספורד,
רקדים שלובי זרוע,
היטלר והלורד.

עלי ראש מגבעת
פניו ארשת קדש,
אל חזהו לוחץ,
נושק כתבי קדש.

ומעלים בלים
קול גדול צורח:
יתוש, יתוש איכה?
שוב התגנב במחו

בא התגנב דרך
פתח, דרך שער
עסק, עסק נא חדר,
אל מוחו של השר.

טיטוס בא מלונדון,
יתוש מעין חרוד,
מגבת ומחולה,
יתוש-- מכפר גלעד.

יתוש על מחרשה,
על עט חרשים,
במדבר ובלבנון,
ארץ ארזים.

כך וכך

א.קאסאי

כך וכך ידך שלח,
אל המעדר ומחרשה;
דגן ושדות בר תירוש ויצהר,
ביד החרוצה.

אל תירפו,אל תיגעו,
הבו חומר ולבנים.
המקב הולם,והלב פועם,
מכורה בונים.

כח ואיל ליצור ולפעול,
במקב,במחרשה.
סלו את המסלהו
לנו פאר ותהלה
פה ,שם,שביל לעם.

עוגבאי

עומד בכפר שם ישיש
סקר כלו רועד
סובב את יד העוגב,
הנדכא הבודד.

נצב הוא ערום יחף
בצנה ובכפר,
מי ירחם עליו
מי ומי יעזר?

אך מי זה יבין לבו,
יקשיב לנגוניו
צעקת כלבים עולה,
שורקת באזניו.

אך מה לו צעקת כלבים
לסה אמלל מסכן,
כי כפן מציק:
עמד וסב, נגן!

זקן אמלל וטוב,
אתך תקח אותי
שיריך העגומים
הולמים הם לרוחי.